בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' | פ' דברים | ג' אב | תשע"א | פסחים: פ"ב.

# באריכט:

## שמחה בחצרות קדשינו

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר ישראל ווייס הי"ו פון קרית יואל. נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים לרגל די שמחת הברית פון נין מרן רבינו שליט"א וועלכע'ס איז פאהרגעקומען היינט אינדערפרי ווי ווייטער באריכטעט.

❧•❦

אצינד ביינאכט נאך מעריב זענען אנשי שלומינו תושבי מאנטריאל וועלכע זענען געקומען צו פאהרן צום רבי'ן שליט"א אריין אל הקודש פנימה מקבל צו זיין ברכת קדשו.

❧•❦

## שמחת הברית בחצרות קדשינו

היינט אינדערפרי איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד להר"ר מאיר יודא אשכנזי שליט"א נכד מרן רבינו שליט"א בן הגה"צ ר' זלמן שליט"א רב דק' אויסטילא וחתן הגה"צ ר' העניך שליט"א חדב"ן.

דער שמחת הברית איז פאהרגעקומען בבית מדרשו פונעם דאפעלטן עלטער זיידע הגה"צ האדמו"ר מ'אלעסק שליט"א לרפו"ש אין פלעטבוש. מיט סנדקאות איז מכובד געווארן דער גרויסער און דאפעלטער עלטער זיידע כ"ק גאב"ד מעלבוירן שליט"א, דער אבי הבן שליט"א איז געווען מוהל.

מיט די ברכות איז מכובד געווארן דער עלטער זיידע הגה"צ אבד"ק דשיקוב שליט"א און סנדק מעומד איז געווען דער אלעסקא'ר רבי שליט"א, ויקרא שמו בישראל "חיים צבי" נאכ'ן הייליגען עצי חיים זי"ע.

ביי דער סעודת ברית וועלכער איז דערנאך פאהרגעקומען האבן אויפגעטרעטן מיט דברי תורה כ"ק גאב"ד מעלבוירן שליט"א, אלעסק'ער רבי שליט"א, רב ביהמ"ד אבני צדק שליט"א חדב"ן, רב דק' אויסטילא שליט"א, און דער אבי הבן שליט"א, מיט ברכהמ"ז איז מכובד געווארן דער זיידע הגה"צ ר' העניך שליט"א חדב"ן.

מיט די הרחמן'ס ביים בענטשן זענען מכובד געווארן הרב קלמן הלברשטאם שליט"א בן האדמו"ר מ'צאנז-

גריבוב שליט"א איידעם פון הגה"צ מ'דזשיקוב שליט"א, הרב חיים הערש אשכנזי שליט"א בן הגה"צ ר' העניך שליט"א, הרב זלמן טייטלבוים שליט"א חתן הגה"צ ר' העניך שליט"א, הרב חיים הערש טייטלבוים שליט"א בן הגה"צ ר' ברוך שליט"א חדב"ן און איידעם פון הגה"צ מ'אויסטילא שליט"א, און הרב יואל אשכנזי שליט"א בן הגה"צ ר' העניך שליט"א.

***כן יכנס לתורה לחופה ולמעש"ט***

## סיום משניות סדר מועד אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג

נעכטן נאכט איז אין בית מדרשינו הגדול אין וויליאמסבורג פאהרגעקומען א סיום בסדר מועד אינעם מסגרת וואס ווערט פאהרגעלערנט יעדן טאג דורך הגה"צ מ'טשענסקאוויץ שליט"א.

לכבוד דעם סיום איז הגה"צ אב"ד קהלתינו וויליאמסבורג שליט"א ספעציעל אריינגעקומען פון קעמפ ווי דער רב שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה ביים סעודת מצוה, און אזוי אויך האט אויפגערעטן דער מגי"ש הגה"צ דער טשענסקאוויצער רב שליט"א.

## אינהאלטסרייכער דרשה פון הגה"צ רב דביהמ"ד ישמח משה שליט"א בביהמ"ד הגדול אין ב"פ

נעכטן נאכט איז אינעם ראם פון די וועכענטליכע דינסטאג דרשות דוירכאויס די זומער וואכן וועלכע קומט פאהר אין בית מדרשינו הגדול צוגעשטעלט דורך די התאחדות אברכים, האט אויפגעטרעטן הגה"צ ר' שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"ן רב דביהמ"ד ישמח משה ב'קרית יואל, ווי דער רב שליט"א האט עלעקטריזירט דעם ציבור מיט פארשידענע דברי התעוררות פאר די איצטיגע ימי בין המצרים.

## ניחום אבלים

ביי משפחת הנפטרת האשה החשובה מרים איידל ב"ר יושע ע"ה אלמנת ר' שמואל ראזענבוים ע"ה, זיצט מען שבעה ביז ערב שב"ק נאכמיטאג.

מען זיצט שבעה אין איר שטוב אויף 1101 55'סטע סט. אין ב"פ.

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**